START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Permalife
25% COTTON CONTENT

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1880.3

**Peretz, Isaac Leib.
Baynakht oyfn alten
mark: dramatishe
poema in fier akten
Varshe, 1907.**

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1880.3

Peretz, Isaac Leib, 1851 or 2-1915.
Baynakht oyfn alten mark : dramatishe poema in fier akten
Varshe: Ferlag "Bikher Far Ale", 1907.
Varying form of title: Nochiu na starom rynkie.
63 p. : port. ; 21 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B2137 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106177

Reduction ratio X 10.0

פערלאג „ביכער־פאר־אלע“ ווארשע.

י. ל. פרץ.

33

ביי נאכט

אויפן אלטן מארק

דראמאטישע פאעמא

אין פיער אקטען.

106177

פרייז 40 קאפ.

דרוק „האור“, ווארשע, דלוגע 11.

1908.



י. ל. פרץ.

פערלאג „ביכער=פאר=אלע” ווארשע.

י״ל פרץ.

בײנאכט

אויפן אלטען מארק

דראמאטישע פאעמא

אין פיער אקטען.

Ludwig Satz

דרוק „האור” ווארשע, דלוגא 11

1907.



י. ל. פרץ.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע" ווארשע.

י"ל פרץ.

ביינאכט

אויפן אלטען מארק

דראמאטישע פאעמא

אין פיער אקטען.

דרוק „האור" ווארשע, דלוגא 11

1907.

בײנאכט
אױפן אלטען מארק.

Pere
194

НОЧЬЮ НА СТАРОМЪ РЫНКѢ.

Соч. **И. Л. Переца.**

Изданіе „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ“.

ВАРШАВА.
Типографія М. Кринскаго, Долгая № 11.
1907.

די סצענע.

אײַן אַלטער פֿיער-עקיג-לענגליכער מאַרק. הײַזער פֿון פֿערשידענע – פֿאַרב, פֿאַסאָן און גרויס.

צווישען זיי:

אַ שענק – אונטער אַ שרײַענדיגער שילד און אַ פֿעלשער-שטוב; דערבײַ אַ רויט-קרײַץ-לעמפּעל און דרײַ מעשענע טעלער אויף אַ דראָט.

פֿון הינטער-גאַסען איבער די הײַזער הייבען זיך:

רעבּטס – אַ שווערער, אַלטער, אויסגעקרימטער שוהל-דאַך, מיט אַ וועטער-פֿעהנדעל אין געשטאַלט פֿון אַ האָהן.

ליַנקס – מחורם און קרײַץ פֿון אַ קלויסטער.

אין ווינקעל בײַ'ם הינטער-גרונד – אַ רויטער פֿאַבריק-דאַך מיט בלעכענע און ווײַס-געמויערטע קוימענדלעך.

אַ ליניע פֿון עטוואָס שימערירענדען קיזעל לויפֿט, מײַלענדיג איהם אויף צוויי גלײַכע העלפֿטען, איבער דער לענג פֿון מאַרק אַרויס, און פֿערליערט זיך בײַ'ם האָריזאָנט.

אַ שוהל-געסעל רעכטס; אַ קלויסטער-געסעל לינקס.

וועם מען עס פֿערדאנקט,
דערלאַנגט...

עם שפּיעלען;

אַ לֵץ.

מענשען:

לעבענדיגע:

ווײַבער.

קינדער.

קאָמישער אַלטער.

פערשפּעטיגטע סוחרים.

שכּורים.

צוויי מיידלעך.

יונגע לײַט,

א נאַכט=מיידעל.

אײַן אַרבײַטער.

א שאַכער.

אײַן אויבסהענדלערין.

אַ לאָמפּען=רעשער.

א דיכטער.

א וואַנדערער.

„ער" און

„זי". צוויי פּאָרען.

א שמײַסער פון אַ בויד.

מענשען פון א שטוב.

א רופא.

נושאים=לײַט.

א שוהל=קלאַפּער.

פון עולָם הַתֹּהו:

„ער" און

„זי".

אַ צנועה.

סוחרים.

בעל עגלה'ם.

בעלי=בתּים.

א שְׁכִיב מְרָע.

אַרבײַטער. צווישען זיי:

אַ בלינדער.

אַ לאָמער.

אַ געקעפּטער.

אַ סאָלדאַט.

אַ געהאָנגענער.

מַשְׂכִּילים.

צוויי חֶבְרות יונגע לײַט.

אַ דיכטער.

פון קְבָרים אַרוים:

גרײַז=גראָהע מֵתים.

שוהל=נְבָאים.

בַּעֲלֵי בתּים.

לַמְדָנים.

אַלטע אַפּקורסים.

יונגע לײַט.

אַ מוטער מיט
אַ טאָכטער.
חַקְרָנִים.
קינדער עלטערע און יונגערע.
מיידלעך און
ווייבלעך.
אַ בְּתוּלָה.
אַ בָּחוּר.
יוסל.
מַלְכָּה.
שַׁמָּשִׁים.
אַ כַּלָּה.
אַ בּוֹגֶרֶת.
איין ערשט געשטאָרבענער.
בלינדע מֵתִים.
אַ יונגער אַפִּקוֹרֶס.

אַ פּאָר פערד. און
נישט לעבעדיגע:

אַ בויד.
אַ זייגער.
דער מאָרגענשטערן און
דער האָהן אויפ'ן שוהל־דאַך.

„צווישען איין אקט און דעם צווייטען געהט פאָרביי נו איין מינוט".

ערשטער אַקט.

(ווייבער, קינדער, קאָמישער אַלטער, פערשפּעטיגטע סוחרים).

ביי מאַנכע טויערן שטעהען ווייבער און רעדען, און סודען זיך פאַרן אַריינגעהן. עס ווערט זיך געזעגענט, די הענד געדריקט און וויימער געשטאַנען, און גערעדט. קינדער אין מאַרק שפּיעלען זיך. אין אַ ווינקעל דריי, פיער מיידלעך — אין צייכען. צוויי יונגלעך — אין פערד און יאָגען, און טרייבען זיך קריייץ און קווער.

אין מיט מאַרק, זינגענדיג, פאַר מיעדקייט שוין אָהן ווערטער, שפּיעלען מיידלעך אַ ראָד.



דאָס געזאַנג מיט'ן טאַנץ לעשען זיך, ווי צום איינשלאָפען. פון אונטערגעסלעך יאָגט פון צייט צו צייט אָן אַ פערקלאַפּטען פון אַ שווערער געשעפטס־טיהר, פון פערלעגען אַ קוואַר־אייזען, אַ סקריפּ פון איין אַלטען שלאָס א. ד. ג.. דאָס ערשיטערט: ווייבער הייבען זיך אָן געזעגענען, מאַנכע קינדער טרעטען אַרויס פון ראָד, וואָס דרעהט ווייטער, ווי פערחלומט, שוין נישט צוריק געשלאָסען...

א מיידעל

(פֿון ראָד ?רויסטרעָטענדיג).

מיִער ווי אַ לײַם!

א צווייטם

(צוקומענדיג).

ס'אי' קיהל...

א דריטם.

אָהן יונגליך איז קײַן שפּיעל –

א יודענע.

אַ גוטע נאַכט! קינדער, אַהײַם!

קינדער.

באַלד! באַלד!

א פירטם

(בײַ די צייכֿען).

זי מאַכט שֶקר, זעהט!

ווייבער־שטימען:

– קינדער!

– ס'אי' שפּעט!

– דאָס עסען ווערט קאַלט –

דאם יונגעל, וואם טרייבט אן.

אַ היים, פֿערדאַלע, וויאָ! וויאָ!

דער קאמישער אלטער

(קומט ארוים. פֿון טויער, אין נעגליזש, מיט אײַן אַריבערגעוואָרפֿענעם גרילען שלאָפֿראָק, און אַ ווײַסע שלאָפֿמיץ איבער די אויערען. וועהענדיג מיט אַ פֿלעדערוויש).

אַ – שאָ! אַ – שאָ! אַ – שאָ!

(קינדער צעלויפֿען זיך מיט געלעכטער, ווײַבער לאָזען זיי דורך און פֿערשווינדען אין די טהויערען. דער קאָמישער אַלטער ציהט זיך שמאָלץ-זינגעריש און לאַנג-זאַם צוריק. עס קומען אָן

פֿערשפּעטיגטע סוחרים.

ערשטער און צווייטער

(געהען פֿון שוהל-צו'ם קלויסטער-געסעל).

דריטער און פיערטער

(פֿון קלויסטער-צו'ם שוהל-געסעל).

פינפטער

(פֿערמאַכט זײַן געשעפֿט אין מאַרק און געהט צו'ן אַ טויער, קלינגענדיג מיט די שליסעל).

ערשטער.

פֿערקויפֿט אַלט-וואַרג אַ וואָגען...

צווייטער.

אָבער אַלץ אויף באָרג –

דריטער.

מיך ציפּט דער מאָגען!

ערשטער.

האָב איך אַ זאָרג!

איך – גיב מעהר אַלס פֿאַפּיער!

פיערטער.

ווילסט פֿליאַקעס? קום אַרײַן צו מיר.

פינפטער

(קומט אין מאַרק אַרײַן, ניעסענדיג און קלינגענדיג מיט די שליסעל).

האָב איך אַ קאַטער!

ערשטער

(צוקומענדיג).

נעהם אויף שוויצען –

פיערטער

(דיטאָ).

טראָג קאַלאָשען טיעפֿע!

צווייטער.

נעכטען געווען אין טעאטער...

פינפטער.

איך געה היינט אויף אסיפה...

ערשטער

(צו׳ם פינפטען).

גערמסט פינף און צוואנציג פראצענט?

פינפטער

(ניעסט).

ווע – ניג –

צוו יטער.

גענוג... גיט אייך די הענד!

פינפטער.

נו... גע=גע=גע=מאכט...

(געזעגענען זיך).

גוט=נאכט. גוט=נאכט. א גוטע נאכט...

(צעגעהען זיך).

שכורים

(זענען ארויסגעקומען פון שענק, וואס פערמאכט זיך הינטער זיי).

ערשטער

(וואקעלט זיך).

איהר זעהט?

אויף איין ברעט!...

צווייטער

(זינגט; אנדערע האפען אונטער).

פרעהט אייך, זינגט!

טרינקט!

ווען, אז נישט איצט?

בעלער – קלינגט!

ליעבט אייך, טרינקט!

ס׳ליבען פערבליצט!...

פאר׳ן טויט איז קיינער ניש׳ בעשיצט!

ערשטער.

נישט בעשיצט!...

(וואקעלט זיך, פאלט; אנדערע, נישט בעמערקענדיג עם – אב).

צוויי מיידלעך.

ערשטע

(לעזט א בריעף ביי׳ן א לאמטער).

צווייטע.

וואס שרייבט=ער?

ערשטע.

נאר אן מיר גלייבט ער –

אן זיין איינציג, נישט פערלאשענעם שטערן!

(טאן-ענדערונג).

ער קושט מיר די אויגען, די בלאהע –

צווי טע.

האבען האסט׳ז גראהע –

(אב).

יונגע לייט.

(שטימען).

– דער עיקר שקלים –

– א לערער חלום –

– איין ענגער האריזאנט!

– א פאלק, ווי א מענש, מוז האבען א היים!

— דערוויַל — אַ סיַים —

— רויך און נעבעל — נישׁ׳ מעהר —

דאָס נאַכט־מיידעל.

קומט מיט מיר, ווער...

(יונגע לײַט צעשטרײַען זיך,

צוּן איין אונטערקומענדיגען אַרבײַטער).

דו... דו ביזט דער שענסטער, דער בעסטער...

כ׳וועל דיך ליבען —

אַרבײַטער.

שוועסטער!

ווי האָסט דו דיך אַזוי פֿערגעסען?...

דאָס נאַכט־מיידעל.

ד׳בין הונגעריג... גיב אויף עפּעס עסען —

אַרבײַטער.

שוין אַ חודש, אַז איך שטרײַק —

דאָס נאַכט־מיידעל.

(שטרענג).

נו, שווײַג!

(צעגעהען זיך).

דער שכּור.

ליג איך!... אַזוי וויל׳ך... אויסגעשטרעקט...

ווי היימיש די ערד שמעקט...

אָהן הענד די נשמה גלעט־זי...

און מאַמע־לשון רעדט זי...

מאַמע, איך זויג ביי דיר —

נאַכט־מיידעל

(צוקומענדיג).

קום צו מיר... קום צו מיר —

שכּור

(פֿון מיידעל אויפֿגעהויבען...).

גוט... זעהר געעהרט...

פֿריילין... שמעקסט אויך נאָך ערד...

פֿיהר מיך, פֿיהר!

(ביידע אָב).

„ער און זי“

(קומענדיג פֿערטראַכט פֿון קעגען־איבער־זײַטען. שלאָגען זיך כּמעט אָן).

ער.

פֿראַל נישׁ׳ צוריק!

אין דער פֿינסטער ברענען דײַנע אויגען!

נאָר צופֿאַל גיט גליק...

לאָז, לאָז דורך זיי זויגען

די נשמה אויס ביי דיר —

און דו — ביי מיר!

נישט גערעדט! נישט געפֿרעגט — גענייעסען!

דאָס מינדסטע וויסען לעמט,

מען פֿראַלט צוריק דערשראָקען, פֿערשעמט...

ס׳פֿערבליהט איידער ס׳בליהט...

נאָר דער אונבעקאַנטער אָבגרונד ציהט,

נאָר אין זײַן פֿינסטערער שוים

פֿלאַמט־אויף די מיסטישע רויז...

בליצט־דורך דער שוידערהאַפֿטער בליץ...

אין דער פֿינסטערער היץ,

צוויי שאָטענדיג דורכגעפֿלאָכטענע זעלען...

וועלען אויפֿפֿלאַמען רויט —

און בעגליקען זיך צו׳ם טויט,

און ביז צו׳ם טויט קוועלען...

(אָב).

(עֶס גֶעהֶען נאָך דורך)

א שאכער

(מיט אַ קֶעסטֶעל אויף די אַקסֶעל).

איי. אויבס־יודענע

(מיט אַ קאָרב אין דֶער האַנד).

א יונגעל מיט א מיידעל

(וואָס האָבֶען, קֶענטיג, נישט וואו צו נֶעכטיגֶען און קוקֶען זיך
עֶנטשפרֶעכֶענד אום).

(שטילֶע פויזֶע).

דיכטער

(טרֶעט ארוים אויף אַ באַלקאָן).

(דֶעקלאַמירט).

אַ שטיל פֶערסודֶעטע נאַכט

האָט איינגֶעהילט דֶעם מאַרק דֶעם אַלטֶען.

טהיר, טויעֶר און לאָדֶען פֶערמאַכט.

דאָך, דורך מאַנכֶע טהיר־און לֶעדֶען־שפּאַלטֶען

שפּאַרט זיך אַרויס, שטראַהלֶענדיג־רויט,

דֶער פלַיִים... די נויט...

אֶפְשֶׁר הַיֵימִישׁ גליק און שפּיעל...

שאָטֶענדיג־קיהל

אַ ווינדֶעל יאָגט

און צוטראָגט

אַ שטיל, שטיל גֶערויש:

פון שֶענק אַ טרינקֶער־נֶעפלויש,

דֶעם לֶעשֶערס: טיפּ־טאַפּ, טיפּ־טאַפּ...

הילכֶענדיג טרֶעט עֶר און שווער...

וואו עֶר שטֶעלט זיך אָב, גיט אַ קלאַפּ,

שטאַרבט אָב אַ לאָמטֶער...

(טאָן־עֶנדֶערונג).

נאַכט, לֶעשֶער!

לעשער

(לֶעשֶענדיג דֶעם לֶעצטֶען לאַמטֶער)

נאַכט, דיכטֶער!

(אָב).

דיכטער.

פֶערלאָשֶען אַלֶע ליכטֶער...

פאַר דאָס שיינֶען אַלץ הֶעלֶער און הֶעלֶער,

טהורם און קרייץ... די מֶעשֶענֶע טֶעלֶער...

דֶעם רופא'ס לֶעמפּיל הֵייבּט שטאַרקֶער אָן צו בליצֶען,

און דֶער וועֶלטֶער קומט, דֶעם מאַרק צו בֶעשיצֶען.

וועכטער

(אָנקומֶענדיג).

איך בין אויף מיין אָרט!

דיכטער

(צום הימֶעל גֶעווענדט).

נֶעלאָשֶען ווערט אויך דאָרט!

וואנדערער

(שווימט, ווי פון נֶעפּיל אַרוים).

דֶער זֶעלבֶער הימֶעל... די זֶעלבֶע שטֶערֶען...

די זֶעלבֶע ערד...

און דאָס אויעֶר הֶערט.

און ווערט נישט מיעד צו הֶערֶען;

און דאָס אויג ווערט פון זֶעהֶען נישט זאַט...

פיס ווערֶען מאַט...

(שפּרינגט אַראָב פון אַ ווֶעליסאָפּעֶד; קוקט זיך אום).

דיכטער.

אין מערב=ראַנד
שאַפט אַ פֿערבאָרגענע האַנד.
רויטליגע נעכט שפינט=זי
ווייסע פֿערעמלעך בינט=זי,
נעצען, נעצען שטריקט=זי
פֿאַר לבנה און שטערן...

(טאָן ענדערונג).

עס ציטערט די לבנה –
זילבערן גאַנץ...
עס טריפען די שטערן
ן' גאָלדינען גלאַנץ,
ווי טרערן... ווי טרערן...

וועכטער

(אומגעהענדיג).

מענשען רעדען צו זיך!
וואָס אַרט עס מיך... וואָס אַרט עס מיך?

וואנדערער.

דאָ וועל איך רוהען, ביז עס וועט טאָגען.
און דאָס האַרץ, וואָס הערט נישט אויף צו נאָגען,
זאָל זיך אַליין שפינען און וועבען
פֿון יענער זייט לעבען,
פֿון יענער זייט לעבען...

(זעצט זיך אויף אַ שטיין ביים טויער).

וועכטער

אונרוהיגע מענשען... אונרוהיגע צייטען!

דיכטער.

די נעצען צעוואַקסען זיך, צעשפרייטען!

שטערנדליך שרעק'ן=זיך.
לעשען=זיך, וועקען=זיך...
און ווערען, ווי גאָלדענע פֿישליך געפֿאַנגען...
אונטערגעגאַנגען..., ווייטער אונטערגעגאַנגען!
ציינד – די לבנה!

אַ טיק, אַ בויג!
גיט דעם לעצטען צאַפּעל...
ווי אָהן איין אַפּעל
אַ בלינד אויג,
ווי אַ שימעל,
האָט זיך אויסגעשפרייט,
אַ ווייסער טויטער הימעל –

וועכטער.

ניין מאָס רייד!

(פּויזע).

דיכטער.

עפּיס קלינגט... עפּיס קלאַטעט...
אַ שוואַרץ פֿערבלאָטעט
גראָה=לייַנוועטע בויד ווערט געצויגען...
דער שמייסער דרימעלט... הויט און ביינער
די פֿערד; זוכען מיט פֿערלאָשענע אויגען
אַ טראָפּען, אַ גרעזיל צווישען שטיינער...
עפּיס רערשרעקען זיך די פֿערד!

שמייסער

(האַפּענדיג לייצען און בייטש).

פּגרים, שיער נישט אומגעקעהרט!

(שמייסט).

דיכטער.

גלייך זיי וואָלטען עפּיס רעדען –

וועכטער.

אונרוהיגע צייטען, אונרוהיגע פערד !

שטימען פון בויד.

וואָס איז געשעהען ? וואָס איז געשעהען ?

די פערד

(לאָזען זיך אראָב אויף הינטערשטע פיס, רייסען אויס גאלאָפּ אין א געסיל ארײן).

דער לץ

(בעוויזט זיך, געהענדיג פון טיפען הינטערגרונד צום מארק צו).

דיכטער.

אין געדיכטען נעפּיל טוליען זיך פערשוואומען
די אלטע מויערן –
גלייך זיי בעדויערן
עפּיס אָדער טרויערן
אָדער פאָרכטען זיך פאַר דעם, וואָס דארף קומען.

(אָב).

וועכטער.

נישט דאָ זיך וואָס צו שעמען...
ד' בין מיער !
א גאַנצען טאָג געהאַמערט און געשמיעד...
בלייערנע ברעמען !

(זעצט זיך, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן א וואַנד).

שווער צו וואַכען ביז אין דער פריה !

(געגניצט).

(מיט א בליק צום קלויסטער, דערנאָך צו דער שוהל).

זאָל היטען דער אָדער די !

(פון דרימעל).

עס ווילט... עס ווי – – לט
זיך אזוי שלאָפען...

(שלאָפט איין).

דער לץ

(קומט צו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ; נעהמט פון וועכטערס האלז דעם האָרן, קוקענדיג העהניש צום הימעל ארויף).

דיין עבענבילד !

(פאָרהאנג).

צווייטער אַקט.

דער לֵץ

(וואָס האָט, קאָנטיג, געפּיפּען, אַוועקגעהמענדיג דאָס פּייפעל פון מויל).

אויפגעפּראַלט, — מיט אַ פּייף! —

זיי שאָטען־טהיר!

(רופענדיג).

אייזענפעסט!

קראָכמאַל־שטייף —

צווייַ און צוויי און פיער!

גאָלדגעוויכט און זילבערטרעסט!

אַרויס אויף'ן שפּאַציר!

אויפגעפּראַלט די שאָטען־טהיר!

מאַן מיט מאַן, זייל מיט זייל,

באַרג מיט באַרג,

איבערן מאַרק,

איבערן אַלטען מאַרק

שפּאַצירט אַ ווייל'!

(מיט קאָמיש סערבעַטענדיגע הענד־בעוועגונגען הינטערוויילאַכטס אָב).

וואנדערער

(פון דרימעל).

עס הייבט שוין אָן שפּינען... עס הייבט שוין אָן וועבען...

א פרום ווייבעל.

אויף מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס האָב איך געגעבען...

און דו קענסט אַמָתָך געלע,

בַּת שִׁפְחָתֵךְ שָׂרָה־שיינדעל, אֵשֶׁת רֶ׳ אֱלִיֶ׳,

און דו ווייסט, ליעבער, באַרמהערציגער גאָט,

אַז נישט מיר צוליעב, נישט צוליעב מיין מאַן אֲפִילוּ,

נאָר איין־און־איינציג צוליעב דיין הייליג געבאָט,

גנעה איך טְבִילָה

זאָלסט דו מיך בעשיצען, רִבּוֹנוֹ דְעַלְמָא כּוּלוֹ,

וואו איך טהו מיך קערען און ווענדען...

און בענשען מיין טראַכט, און מיין מאַנס כָּשֵׁר'ע לענדען...

(פערשווינד).

ער און זי:

זי

(ווינשענדיג זיך).

מעבעל — ווייס; זילבער'נע טאַפּעטען —

ער.

געביטען דאַרפסט דו, קינד, נישט בעטען —

זי

(ווי פריהער).

אַ גאָלדענער אַמפּלוּאַ...

ער.

דאָס ברענג איך פון טריעסט...

זי.

און בלומען פיעל... פיעל...

שמעקענדיג־שאָטענדיג־קיהל

זאָל זיין אונזער נעסט...

(פערשווינדען).

סוֹחְרִים:

– אויפ׳ן יְרִיד? – מְאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ!
– איך פאָר מיט׳ן פְּרִיץ...
– און איהר ר׳ חִדְקָא...
– ד׳האָב מײַן אײגען פערד און בּידקע...
– איך געה צו פוס, ד׳קען אײַך אונטער־װעגעל –

אַ נַע וָנַד

(פערבּײַאײַלענדיג.)

מײַנע נעגעל... װאו זענען מײַנע נעגעל?

צװײ בַּעַל־עֲגָלָה׳ס:

ערשטער.

מײַנע פערד?
האָבער! פון זײדען אַ קַבָּלָה
פון אַלטען יוֹסֶל בַּעַל עֲגָלָה,
עָלָיו הַשָּׁלוֹם, געהערט?

צװײטער.

א שְׁאֵלָה!
מײַנע – קלײַען און מאַקאַך!
און גיב איך מיך אַ זעץ אויבען אָן,
נעם׳ך ס׳בּײַטשעל, און קנאַק׳ד.
שװיצט מען אין בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה,
טאַנצען שֵׁדִים אין קאָן!

(אָב.)

חַזָן און יונג װײבעל:

חַזָן.

עס זינגט זיך נור צו דיר,
אַלץ דורך דיר, אַלץ פאַר דיר!

מען לאָזט פון פאָרהענגיל נישט אַראָב קײַן אויג –
ס׳האַרץ חַלֶשְׁט: זאָל זיך עס געבען אַ בויג...
זאָלען זיך בּעװײַזען די זיסע עֵינַיִם,
װעט געהן: גְדִי – קָשׁוּר – יָבַיִם...
בְּרָכוֹת לִישָׁא – אָ – אָ – אָ –

(אָב).



א װײבעל

(בלאָזט זיך אויף די נעגיל),
אַו – אַו – אַו, אַו – אַו – אַו,
אוי, װי איך פריהר! אוי, װי איהר פריהר...

(אָב).

אַ שְׁכִיב מְרַע.

און איהר,
כָּשֵׁר׳ע עֵדִים, הערט! און דו, סוֹפֵר, כָּשֵׁר׳ער, פערשרײַב,
װאָס איך, יוֹסֶל, בֶּן, זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, ר׳ לײַב,
געזונד אויף דער נְשָׁמָה, חאָטש קראַנק אויפ׳ן לײַב,
זאָג מיט אַ קלאָרען שֵׂכֶל און אַ פעסטע דֵעָה:
א קֶרֶן קַיֶמֶת
אֶלֶף דינָרֵי זָהָב! פאַר יוֹדְעֵי חֵן און אַנְשֵׁי אֶמֶת,
צוצוטהײַלען שָׁנָה בְּשָׁנָה – אַ מֵאָה – –
אויך, װײסט דער בּוֹחֵן לְבָבוֹת –

(אָב).

חֶבְרָה נוֹשְׂאִים. שַׁמָשׁ

(רופט; גלײַך ער האַלט און קלאַפּט מיט אַ פושקע).

צְדָקָה תַּצִּיל מִמָוֶת! צְדָקָה תַּצִּיל מִמָוֶת!

(צו זיך מיט אַ שמייכעל).

איך טרייב קיין קאַטאָוועס:

מיך און מיין הויז־געזינד,

מיין ווייב און קינד —

מיינע גראָהע צעפּליך! —

(שטעקט די האַנד אין פּושקע; שרעק:)

קנעפּליך! סאַמע הויזען־קנעפּליך!

(עס קומען אָן:)

ארבייטער

(רעדען קאָנספּיראַטיוו, וואָס אַמאָל שטילער).

א בלינדע

(וואָס איז נאָכגעגאַנגען די שטימען, שטעלט זיך, ביים שטיל־ווערען, אָב).

חֲבֵרים, ד׳בין דאָך בלינד...

פערשיקט, האָב איך דאָ די אויגען פערלוירען;

מיך האָבען געפיהרט די אויערן,

איז שטיל אַ צינד!

(רעדעלט, זיך אייננהערענדיג, אַרום).

אַ לאָמער.

אין טורמע אין קייטען געזעסען...

אַ פוס געפוילט; אַראָבגענומען...

האָב׳ן איהם די מייז אויפגעפרעסען...

נישט צו קֶבֶר יִשְׂרָאֵל געקומען...

נעמאַכט אין דומע איין אינטערפּעלאַציע...

האָט די ביוראָקראַציע

די דומע צוטריבען...

בין׳ך לאָם געבליבען...

(אָב).

מַשְׂכִּילִים:

— הע? מיר שעפּען נַחַת!

— די פלעדער־מייז לְהַכְעִים!

— דאָ וואָהנען געווים איבעראַל...

— אינזיניערען, דאָקטוירים...

— די צייט געהט נישט צוריק!

(צום רויטען דאַך ווייזענדיג).

— דאָרט — געוויס אַ יענעראַל!

(איין אונטערקומענדיגער).

ארבייטער.

חמורים!

ס׳אַ פאַבריק!

(אָב, משכילים־דערשראָקען. אַרבייטער, לאַכענדיג).

א געקעפּטער

(בלאָנדזשעט אַרום מיט׳ן קאָפּ אין די הענד פאַר זיך).

א סאָלדאַט

(מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט, קומענדיג איהם אַ קעגען).

ביזט אויף מיר ביין?

(דער יענער הערט נישט, שטעלט ער איהם אָב, זעצט איהם דעם קאָפּ אויף־
האַלז און נאַקען אַרויף).

ביזט אויף מיר ביין?

דער געקעפּטער

(בעטראַכטענדיג די וואונד פון סאָלדאַט).

איך וויים?

דאָס האָסט דו מיך צורעכט געמאַכט!

סאָלדאַט.

נישט בעוואוסטזיניג געווען —

איהר — מיך — געשאָסען...

(ווייזט איהם די וואונד).

דער געקעפּטער.

האָט דיך פֿערדראָסען?

סאָלדאַט.

וואָס געשעהן איז געשעהן! –

(געאַרסט אָב).

א געהאנגענער

(מיט א שטריק אויפ'ן האלז, ארויסגעזעצטע אויגען).

מיט אַזוינע אויגען זעהט מען ווייטער און בעסער!

(אונרוהיג, זוכענדיג ביי זיך).

אָבער וואו איז מיין מעסער, וואו איז מיין מעסער?

(אָב).

(פֿון שוהל הערט זיך א געוויין).

(פֿון רעכטס און לינקס קומען אָן

צוויי חברה'ם יונגע לייט.

דיכטער

(געהענדיג פֿון הינטער-צום פֿאָדערגרונד).

הערט זיך איין, הערט זיך איין,

צום שטילען געוויין, צום אַלטען געוויין...

פֿון שוהל אַרויס קומט-עס,

ווי אַ טויב ברומט-עס,

און עס טרויערט און עס קלאָגט:

ווען דעם מלך, וואָס האָט זיין זוהן פֿעריאָגט,

זיין פּאַלאַץ צערשטערט!..

דער צער איז טיעף ווי אַ ים –

דער קלויסטער גלאק

(וואָס האָט זיך צעוויינט:)

בים – באם! בים – באַם, בים – באַם!

(פֿערשוויגט).

שטימען

(פֿון צווישען די חברה'ס).

– איהר הערט!

– עס קלינגט אָב די ערד!

– עס ציטערט דער וואָלקען אין דער הייך!

– און אונזער שוהל שטעהט שטום און בלייך...

– און אונזער שוהל איז האָליג,

עס פֿרעסט זי דער וואורם,

און פֿאַלט פֿאַר וועהטאָג צוזאַמען – –

– מיר געהען זוכען אַ לאַנד –

– פֿערגעסט נישט די אַלטע מאַמען,

דאָס הייליגע לאַנד.

(ארבייטער קומען צוריק).

(געהען אָב).

איין ארבייטער.

און איך זעה נור איין קאָנסעקווענץ

(מיט א בליק צו שוהל און קלויסטער)

נישט דאָס – נישט יענץ!

אַלץ, וואָס דריקט,

שטיקט

לעבט פֿון רויב,

און ווערט פֿערגעטערט, –

מוס ווערען צערשמעטערט

אויף שטויב!

דער געהאנגענער

(שטעלט זיך אויף אַ שטיין).

אויפ'ן הויכען שטיין שטעה-איך,

און מיט מיינע אויסגעגלאָצטע אויגען זעה-איך:

עס קומען צו רייטען
פון ווייטען, פון ווייטען
די זיסע, די פרייע,
די נייע —
די גאלדענע צייטען —

בלינדע.

איך הער זיי פון טראקט —
ווי עס הילעכט, ווי עס קנאקט —
האפ=האפ! האפ=האפ!

געקעפטער.

אמת, נאט איך מיין קאפ,
נאט איך מיין קאפ!

(חאפט'ס און שטרעקט'ס פאר זיך אויס).

(איבערצייגטע בעוועגונג).

(עס בעווייזען זיך:)

ער און זי.

(לעבענדיג. זיי זעהען די שאטען נישט, שניידען זיך דורך דורך די חברה'ס און ארבייטער. געהען געארמט צום פארערגרונד. חברות און ארבייטער רינגלען זיי ארום, פערחדושט, בעטיהענדיג, זיך עפיס צו דערמאנען, קוקענדיג ווי אין די אויגען אריין).

ער.

געבעטען דארפסט דו, קינד, נישט בעטען.

זי

(מיט א טרוימערישען שמייכעל).

...מעבעל ווייס, מיט זילבערן בעשלאג...

ער.

זאג ווייטער, זאג...

זי.

אין שלאף=צימער ראזע=טאפעטען...
און בלומען א סך... א סך...

(פלוצלינג דערשראקען).

אח!
א וואונדערליכער שאטען איז דורכגעפלויגען —

ער

(נישט גלייביג).

קינד!

זי

(מיט לייכט בעדויערנדען פארוואורף).

מענער זעהען נור מיט די אויגען!

(צוריק דערשראקען).

ער

(אונרוהיג).

וואס ווייטער!

זי

(זיך איינהערענדיג).

א וואונדערליכער קלאנג...
נישט געבעט,
נישט געוויין און נישט געזאנג...

ער

(אונרוהיגער).

קום, קינד, ס'איז שפעט...

זי

(ווײַזענדיג איבערן געפּיל, צום האָריזאָנט אַרויס).

פֿון דאָרט קומט עס, פֿון דאָרט...

ער.

פֿון הײליגען אָרט?

איך – הער ניש׳ אַ וואָרט!

זי

(בעדרויערנדער פֿאָרוואורף).

מענער הערען נור מיט די אויערן!

(מיט וואקסענדער אונרוה).

אַ טרוקענער קלאַנג...

גלײַך עס עפֿענען זיך טויערן...

גלײַך עס ריקען זיך שטײנער...

גלײַך עס שלאָגען זיך בײנער אָן בײנער...

(לעגענדיג דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט).

מיר איז אַזוי באַנג, אַזוי באַנג...

ער.

ווײַבער הערען! וואָס עס הערט ניש׳ קײנער...

(אָב).

(אין מיטפֿערן הינטערגרונד איז געשעהען, ווי זי האָט געזאָגט).

(אויפֿגעוויגט האָט זיך אַ בית-עלמין – אויפֿגעפּראַלט די טויערן – מצבות האָבען זיך אָבגערוקט, קברים האָבען זיך געעפֿענט – מתים זענען אַרויסגעקומען – געשטעלט זיך, אָנגעשפּאַרט אָן די מצבות און קוקען צום מאַרק).

(ערגיץ וויט, לאַנגזאַם, טרויריג, שווער און קרעפֿטיג שלאָגט אַ ווײַגער צוועלף –).

(מתים ריהרען זיך, געהען צום מאַרק).

אַ שאָטען-שטימע.

עס געהט דער טויט! ווײַנט, ווער עס לעבט!

(שאָטען אַלמעליג אָב).

וואַנדערער.

עס שפּינט און עס וועבט! עס שפּינט און עס וועבט!

(פֿאָרהאַנג).

דריטער אַקט.

מֵתִים=באַלעט.

— פאָרהאַנג —

(דער מארק ווימעלט שוין פון מֵתִים, די שאָטען פון עולם הַתֹּהוּ ווירען וואָס אמאל וועניגער, פערליערען זיך.)

דריי גריי־גראָהע מֵתִים

(קומען, פאָרבייגעהענדיג, צום פאָדערגרונד.)

ערשטער

(וועכמיטיג.)

קיינער נאָך געקומען... געמוזט אוועק פון דאַנען...

צווייטער

(מיט קִנְאָה.)

גוט, דו קענסט'ך דערמאַנען, נאָך עפּיס דערמאַנען...

(מיט צַעַר.)

איך האָב שוין מיין נאָמען פאַרגעסען!

דריטער.

קוק אויף דער מַצֵּבָה!

צווייטער.

דורכגעפרעסען!

נישט צו זעהן קיין אות!

ערשטער.

אַ פערדראָס!

(נאָך אַ פערטראַכטער פויזע.)

איינם מעלט איך דאָך וויסען:

דער וואָיעוואָדע — פאַר וואָס האָט ער מיך געשמיסען!

אומשולדיג! — ד'קען אייך שווערען!

דריטער

(קאָפּ שאָקלענדיג.)

פון וואָס אַ בר־מַזָּל האָט צו קלערען!

געוועזען אַ שלעכטער!

געשמיסען מיך, מיין ווייב, מיינע טעכטער...

אָנגעלאָפען ביילען... פרענגים רויטע, רויטע...

צווייטער

(וואָס האָט נישט געהערט, מיט פלוצלינגער פערצווייפלונג.)

אָבער — ווי לאַנג לעבען טויטע?

ווי לאַנג לעבען טויטע?

(אַלע דריי אָב צום שוהל-געסיל.)

דְרַיי אַלְטֶע:

ערשטער

(פערטיילענדיג ראָלען:)

(צום צווייטען.)

דו וועסט זיין חַזָן!

(צום דריטען.)

דו, געה פון אָרט צו אָרט!

גערעדט זאָל נישט ווערען אַ וואָרט!

אַ וואָרט — אַ פּאַטש! אָן שום מוֹרא! — —

איך וועל זיין בַּעַל־קוֹרא!

דריטער און פירטער

(קומען אונטער.)

דריטער.

אויב איך געדענק ?
אט דא איז געוועזן מיין שענק
מיט דער אכסניא צוזאמען...
א ירושה, עליה השלום, פון דער מאמען!

(ציטעריגע שטימע.)

איין אויג אין קאפ – א טאטער געהאט...
איינמאל – ד׳בין געלעגן קראנק –
נעקומען דער גלח –
ארויס.גענארט – אבגע׳שמדט...

פערטער.

שוין לאנג ?

דריטער.

פר... יום ב׳... בשלח...

פינפטער און זעקסטער

(קומען אן.)

פינפטער.

מען זאל נישט קענען טהון קיין מצוה!
בקור חולים! טהיילען קצבה!
חאטש שופר=בלאזן הערען –
ס׳חאפט אן א געוויין...

זעקסטער.

האסט טרערען!

א – הא!

(ביידע אב.)

צוויי יונגע לייט.

ערשטער.

לערנען לערנט לשמה
ערשט א מת, וואס איז פטור פון תורה,
וואס טיישט נישט אויס די בעסטע סחורה
אויף נבן, הלבשה, קעסט –

צווייטער.

אבער מען פערגעסט!

(ביידע צב.)

צוויי אלטע אפקו״סים.

(טליתים אויף די אקסעל.)

ערשטער.

חי – חי – חי!

צווייטער.

עפים דערמאנט ?

ערשטער.

תשעה באב... אונטער די טליתים...

(עס=בעוועגונג מיט׳ן מויל.)

מען האט זיך געטהיילט!

צווייטער

(שמייכעלט.)

געווען גוטע קונדייסעם!

ערשטער.

איך האב געהאט א קיכעלע...

צווייטער.

איך א וויקאלע.

ערשטער

(מיט איכה־נגון.)

מיר אַ שטיקאַלע, דיר אַ שטיקעלע!

(פויזע.)

ערשטער.

חי – חי – חי!

צווייטער.

וואָס ווייבער?

ערשטער.

(שמייכענדיג דעם צווייטען אין אַקסעל, צייגענדיג צו די ווייבער.)

זי... זי! – די שמש'טע!

צווייטער.

(אַ ליפּ־בעוועגונג.)

געוועזען בלאַט!

הע? – אויגאַנים האָט זי געהאַט!

ערשטער.

פלעגט זיך אַמישנע שטעל'ן אין פּאָליש אין ווינקעל...

צווייטער.

די אויגאַנים – אַ בליץ, אַ פינקעל...

ערשטער.

ד'פלעג'ר גע'ן אַ קניפּאַלע,

צווייטער.

איך אַ צוויקאַלע...

ערשטער

(איכה־נגון).

מיר אַ שטיקאַלע, דיר אַ שטיקאַלע!

(אָב.)

צוויי יונגע לייט.

ערשטער

(האלט אָב דעם צווייטען, וואָס ציהט זיך צו'ן אַ לאָדען־צו.)

פאָלג מיך, געה ניש'.

צווייטער

(צום לאָדען צו.)

איך בענק אַזוי, דו ווייסט...

(זוכט אַ שפּאַלט.)

ערשטער.

קוק ניש', זעה ניש'...

צווייטער

(שפּרינגט אָב.)

שוין געטרייסט... שוין געטרייסט –

(ערשטער פיהרט'ם אוועק.)

מתות.

אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער.

טאכטער

(האַלטענדיג זיך אין שאָטען פון די הייזער).

אַ חרפּה פאַר לייט; הקבריכים ווי די זעק!

מוטער.

אַבי גאַנץ... אַבי אָהן אַ פלעק!

טאכטער.

דאָס קענסט'ו, אַלטע מאַמע, נישט פערשטעהען...

מוטער.

און וויפיעל מתים, מיינסט'ו, זעהען...

אַיִ, רייזעל, רייזעל!

(ביידע אָב.)

(פֿון די אָבגעהענדיגע שאָטען.)

צוויי בַּעַל בַּתּים.

ערשטער.

האָב איך אַ הײַזעל!
ציגעל און אײַזען די ווענד!
ביז'ן נאָפּעל פֿון דער ערד אַ פֿונדאַמענט...
ווינד, פֿײַער, וואַסער, — זאָל'ן ציטערן שכנים —
איך הער נישט קיינעם!
איך שטעה אויף מײַן אָרט!
און אַזוי איז מײַן וואָרט...
י"ש — איז י"ש;
פּרים איז פּרים —

צווייטער.

איהר זענט אַ בר נש!

(ביידע אָב.)

חַקְרָנים.

(וואָס זענען אונטערגעקומען און זיך איינגעהערט.)

ערשטער.

מען צווייפֿעלט אין הײַזער, ספֶק'עט אין קברים...
און דאָס אויף איין אײַזערנער בריק!

צווייטער.

גאָטס שווינדעל!

דריטער.

זײַער שאַנד!

ערשטער.

זײַער גליק!

(אויף די מתים אין מאַרק.)

און די — גלויבען נישט אין טויט —
איין אויג פֿלאַמט נאָך אויף, אַ פּנים ווערט רויט!
עס העבט אָן אַ שלויף צו קלאַפּען!
אַ האַנד שטרעקט זיך אויס צו חאַפּען —

(אויף אַ חברה מתים, וואָס לאָזט זיך צו דער פֿאַבריק.)

די געהען קאָנספּערירען — קריצען מיט די ציינער —

(צו אַ פֿרומען אַרבייטער, וואָס ווענדט זיך צו דער שוהל צו.)

געהסט נישט מיט?

פֿרומער אַרבייטער

(דערשראָקען.)

ניין! ניין!
אויפֿגעהאָנגען אויף דער פּאָליצע די ציינער,
שמחת תּורה קוים געוועזען זאַט —
פֿאַר דאָס — אַ לויה געהאַט!
אַ טהרה — בכבוד, פֿיין!
השעה קבין גענאָסען! דער גבאי אַליין!
מיט זילבערנע גאָפּעליך די נעגעל געריינִיגט...
האָט מען זיך אַ ביסל געפֿיינִיגט...

קינדער

(לויפֿען אָן, שטופּען אָב די פּאָריגע.)

קינדער־שטימען

רעכטס:

פּי — פּי — פּי!

לינקס:

די מאַמע איז נישט הי!

(לויפֿען דורך)

עטליכע מיידליך.

איינס.

איידער די נאַכט וועט הלייכען,
לאָ'מיר שפּיִעלען אין צייכען –
האָט איהר אַ שטיינדאַלע, נאָך אַ שטיינדאַלע...

(קלויבט.)

א צווייטס.

קומט אַהער אַלע, אַלע!
וועל'מיר שפּיִעלען חתן כּלה –

שטימען.

רעכטס:

וועך איז די כּלה!

לינקס:

קריינדאַלע!

רעכטס:

ווער איז דער חתן?

רעכטס און לינקס:

דער שיינער נתן! דער שיינער נתן!

(שפּיִעלען.)

א דריט מיידעל.

(זינגט אין פאַרביינעהען.)

ווען'מיר ביידע שפּאַציִרען געגאַנגען,
צווישען ווייץ און צווישען קאָרן –
די וועגען, וואו מ'זע'מיר שפּאַציִרען געגאַנגען –
זענען פערוואַקסען געוואָרען...

(אָב.)

ווען'מיר ביידע שפּאַציִרען געגאַנגען (זייטע 42



ציגעלע, ביגעלע, רייב די קלאָצקעס (זייטע 44



שפּיִעלט, קלעז—מאָאָאָרים שפּיִעל אַ דו——מע (זייטע 45



וואַרפֿט אַראָב די ציבּקים (זייטע 46



איין אנדערע חֶבְרָה קינדער

(קומט אָן זינגענדיג.)

ציגעלע, מיגעלע, רייב די קלאָצקעס,
רויטע פּאָמעראַנצען;
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
גייען די קינדערליך טאַנצען —

(דערזעהען אָנקומען קלעזמער, דערפרייט:)

קלעזמער גייען, קלעזמער גייען!

די ערשטע חֶבְרָה קינדער

(פון ווייטען ווינקעל.)

וואו, וואו?

די צווייטע.

דאָרטען, דאָרטען!

(קינדער לויפען צו די קלעזמער, וואָס קומען אָן אין מיט מאַרק אַריין.)

אַ בַּעַל־בַּתִּיש ווייבעל

(צו די קלעזמער.)

שטעלט אייך אָב, ד׳בעט׳ך,
איהר זעהט׳ך,
ד׳בין אַ בַּעַל־בַּ׳הישע אַ שענע,
אַ פיינע! —
שפּיעלט אַ ברוגז־טאַנץ!
שפּיעלט מיר אַ ברוגז־טאַנץ!
איהר וועט זעהן,
איך טאַנץ אַזוי שעהן...

קלעזמער

(שטעלען זיך אָב; מאַכען בעוועגונגען, גלייך ווי שפּיעלען אויף פערשיע־דענע אינסטרומענטען.)

(מען הערט שטילע מוזיק.)

איין אלטע „מוהמע"

(זינגט.)

שפּיעלט, קלעז־מאָאָדיים שפּיעל אַ דו — — מע,
חאָטש איין אָרימקעע, פאָרט אַ — מוה — — מע!

(אז מען הערט זי נישט, איינפאַך און זעהר טרויריג.)

ניש׳ געבעטע׳... אַליין געקומע׳...

א יונג ווייבעל

(בלאָזט אויף די נעגיל.)

געפרוירען... ד׳ אויערן, די נאָז!

(בעמערקט די קלעזמער.)

וואָס שפּיעלט איהר? — וואָס?
נע — וואאַאַלט!
מיר איז אַזוי קאַלט, אַזוי קאַאַאַלט!
ער איז געווען אַזוי אַאַלט, אַזוי אַאַאַלט!
קוים זיך גערירט...
אוי, ווי עס פריהרט! אוי, ווי עס פריהרט!
עה! שפּיעל עפּיס רעכטס! זאָל הילכען, קלאַפּען —
רוישען, זידען... זאָל פלאַקערן... ברענען —
לאָ׳מיך חאָטש קענ — ן
דעם אָטעם... דעם אָטעם חאַפּען!
זאָל׳ן זיך מיינע בעקליך רייטלין, די אויגען — גלאַנצען...

(צום רעדעל אַרום די קלעזמער.)

און איהר — טאַנצען, טאַאַנצען! —
זאָל מען זיך דרעהען, דרעהען...
זאָל׳ן די סאָיוועס וועהען, וועהען, וועהען...

(אָבגעהענדיג אין נעפּיל.)

טאַאַאַנצען... טאַאַנצען... טאַאַאַנצען!

(מען שטעלט זיך טאַנצען; עס ווערט נור באַלאַנסיערט.)

א ווייבעל.

וואַרפט אראָב די ציפּקים,
לאָזט אַרוים די האָהר —
מאַלע וואָס מען טאָר נישט —

שטימען.

אי, מע׳טאָר, מע׳טאָר!
איהר זעהט דאָך שוין, ס׳אי׳ גאָר ניש׳,
לאָזט אַרוים די האָהר!

לײדענשאַפטליכע שטימען

(פון געפיל אַרוים, צוקומענדיג.)

טאַ — אַנצען, טאַאַאַנצען, טאַאַנצען!

דאס יונגע ווייבעל

(אָבגעהענדיג.)

קאַאַלט,... קאַאַלט... קאַאַלט...

לײדענשאַפטליכע שטימען

(געהנטער געקומען.)

טאַאַנצען... טאַאַנצען... טאַאַנצען...

דאס יונגע ווייבעל

(ווײַטער אָבגעגאַנגען.)

קאַאַלט... קאַאַלט... קאַאַלט...

פון עולם הדמיון: ער און זי.

ער.

הײַנט איז אונזער חתונה,
קלעזמער שפּיעלען שוין!
און די שענע געסט אַרום — —
לאָ׳מיר טאַנצען, קרוין!

זי.

מיט די חופּה־שטענגאַליך
קומט דער שמש באַלד!

ער.

און דער רב וועט ציטערן,
ווײַל דער רב איז אַלט! —
האַרץ אָן האַרץ אויג אין אויג
דריק דיך צו אין גאַנצען!

ביידע.

האַרץ אָן האַרץ, אויג אין אויג —
אַזוי איז גוט צו טאַנצען!

(שמשים מיט אויסגעלאָשענע הבדלות פיהרען אַ כלה אונטער
אַ שוואַרצער חופּה.)

(מיטלײַדיג געמורמעל.)

כַּלָה.

נישט בעטרויערט מיך,
נישט בעדויערט מיך,
ד׳האָב׳ס נישט געוואָלט!

(גרימאַס.)

און געפאָרכטען — ווי פאַר שפּינען, —

(שמייכעלט.)

אַ יונגאַלע געהאַט אין זינען
אַ יונגאַלע אַ גאָלד!

(קלאָגט זיך קינדיש.)

נור די מאַמע פּלאָגט מיך,
און דער טאַטע יאָגט מיך...

(נאַאיִוו.)

האָט מיך פֿון דער נויט
געראַטעוועט דער טויט...
דער גוטער, ווייסער טויט –

(טרעט אַרויס פֿון חופּה, זיך אומקוקענדיג.)

אָבער וואו איז מיין יונגאַלע,
וואָס מיין האַרץ האָט האָלד?

(געעחט אַרום און זוכט.)

אָבער וואו איז מיין יונגאַלע,
מיין יונגאַלע – מיין גאָלד?!

(בעט זיך.)

גוטע מענשען, טרעפֿט איהר׳ם
זאָגט, איך האָב׳ן האָלד!
איהר וועט׳ם דערקענען, דערקענען!
פֿון עלפֿענביין די ציינדאַליך;
אַ קול׳עכיל – אַ גלעקאַלע,
צו קישען יעדעם לעקאַלע,
צו קישען אַלע ביינדאַליך...
און אייגאַליך ווי לעמאַליך –
ציטעריגע פֿלעמאַליך;
יעדער בליק – אַ חנ׳דאַלע...
טאָמער טרעפֿט איהר איהם
טאָמער זעהט איהר איהם
זאָגט, אַז שיינדאַלע –
אַז זיין גוטער פֿריינד
בענקט נאָך איהם און וויינט...

(פּויזע.)

מֵתִים.

טאַנצען, טאַנצען, טאַנצען...

אַנדערע

(האַפּען אונטער.)

אַל׳מען פֿערגעסען –
די פֿינסטערע קְבָרים! די ווערים, וואָס פֿרעסען...
און אַלע זִכְרונות, וואָס נאָגען און פּלאָגען...

בּוֹגֶרֶת.

ווי קען מען פֿערגעסען, ווי קענט איהר עס זאָגען?
אַזוי פֿיעל פֿערשווינדעלט, אַזוי פֿיעל גענאַרט!
יאָהרען אַזוי פֿיעל געהאָפֿט און געוואַרט!
אַ לעבען דורכגעלעבט – אַ טויב שטומע נאַכט!
נישט הויך גערעדט, נישט געשטיפֿט, נישט געלאַכט,
נישט געפֿרייט זיך, נישט געשפּיעלט!
קיין וואַרימע האַנד אַרום האַלז נישט געפֿיהלט!
אין קיין אויג נישט אַריינגעקוקט טיעף – נישט, נישט!
קיינמאָל נישט געקושט, קיין איינציג מאָל געקושט!
עס האָט געצוויקט, עס האָט מיך געברענט –
ד׳שנייד די נעגיל אַריין אין די הענד!
איך קריץ מיט די ציינער –
ניין! ניין!

(שרייט.)

ווער וועט מיר דאָס פֿערגעלטען?
איך וויל שעלטען, איך וויל שעלטען!
גיט מיר אַ שטיין!!!

(אָב.)

אַ מֵתִים־שְׁטִימֶע.

שפּיִעלט, שפּיִעלט, שפּיִעלט,
שוועֶבּט, שוועֶבּט, שוועֶבּט!
לעֶבּט, וואָס איִהר האָט ניִשט דעֶרלעֶבּט!
פִיִהלט, וואָס איִהר האָט ניִשט דעֶרפִיִהלט!

(הַכָנות צום טאַנצעֶן.)

אַ בְּתוּלָה.

(צוּ'ן אַ בָּחור ווי־זאַ־ווי.)

בָּחור, בָּחור, לעֶבּעֶדיִג, פריִיליִך!
איִך בּיִן דאָך מַלְכָּה, זיַי דו מיַין מֶלֶך!

דער בָּחור.

בְּתוּלָה, בְּתוּלָה, איַי דו זאָלסט וויִסעֶן:
מיִך האָט היַינט דוּמָה דריַי מאָל געֶשמיִסעֶן!

אַ יוּנְג.

מיַידעֶל, מיַידעֶל,
הייב אויף דאָס — —

מֵתִים שְׁטִימֶען.

פוי, פוי! דאָס איִז ניִש' איַידעֶל!
דאָס איִז ניִש' איַידעֶל...

ער און זי.

(ווילעֶן טאַנצעֶן ווי־זאַ־ווי.)

ער.

דאָס האַרץ האָט אומזיִסט געֶבּעֶנקט און געֶנאָגט...

זי.

אלץ זיִך אָבּגעֶזאָגט, אַלץ זיִך אָבּגעֶזאָגט!

ער.

עֶנטלאָפעֶן פון גוטעֶ, געֶמיִעדעֶן דעֶם וועֶג!

זי.

פעֶרוואָגעֶלטעֶ נעֶכט, פעֶר'חָשֶׁכ'טעֶ טעֶג!

ער.

זונעֶן אַזוי פיִעל און שטעֶרעֶן פעֶרלאָשעֶן!

זי.

ווי ליִכטליִך מיִ' גראָשעֶן! ווי ליִכטליִך מיִ' גראָשעֶן!

ער.

מיִר האָבּעֶן צעֶשמעֶטעֶרט... וועֶלטעֶן, אוי וועֶלטעֶן!

זי.

ווער וועֶט אונז פעֶרגעֶלטעֶן, ווער וועֶט אונז פעֶרגעֶלטעֶן?!

שְׁטִימֶען.

אוי, ג'לוסט זיִך צו שריַיעֶן, אוי, ג'לוסט זיִך צו שעֶלטעֶן!

יוסל

(צום ווי־זאַ־ווי.)

בּלומעֶ, בּלומעֶ, טאַנץ מיִר אַ קעֶגעֶן,
לאָ'מיִר דעֶרלעֶבּעֶן, וואָס מ'האָט ניִט' דעֶרלעֶבּט!

די בְּתוּלָה.

יוסל, יוסל — דו טאַנצסט ניִש' אַ קעֶגעֶן!
שטעֶהסט אויף איַין אָרט, ווי צו־געֶ־קלעֶפּט!

קִינְדֶער־כָּאר

(ריַיסט זיִך אריַין.)

אַ ראָד און אַ ראַנעֶ,
אַ שטרויעֶנעֶ פאַנעֶ —

מֵתִים כָּאר.

מאַכט רעֶדעֶר, מאַכט ריִנגעֶן,
הוליעֶן, טאַנצעֶן, שפּריִנגעֶן,
שפּיִעלעֶן, זיִנגעֶן — —
האַלזעֶן, קושעֶן — —

אַ שְׁטִימֶע.

און אַז דער טאָג וועט דערוויִשען?

אַ צְווייטֶער.

ס'איִ' דען געטאַנצט?

שְׁטִימֶע'.

באַלד, באַלד...

(עס ווערען גייע הַכָּנות געמאַכט.)

ס'יוּנְגֶע וַוייבֶּעל.

קאַאַלט... קאַאַאַלט... קאַלט...

שְׁטִימֶען.

ס'ווערט ניִש' געטאַנצט, ס'ווערט ניִש' געטאַנצט!

(פון שוהל הערט זיִך דאָס מֵתִים געבעט.)

(מֵתִים, ווערען צומיִשט, בלייבען אָבהענדיִג.)

מֵתִים-שְׁטִימֶען.

ווַעה, ווַעה, ווַעה...

ס'ווערט גאָר ניִש' געשפּיִעלט, גאָר ניִש' געטאַנצט!

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

העַי! קלעזמער, טענצער, העַי!

ווער האָט די שרעק פערפלאַנצט?!

מֵתִים!

איִהר איִן די סאָיוועס, איִהר איִן די טליתים!

זייַט איִהר בליִנד?! זייַט איִהר טויב?!

הערט! שאָקעלט אָב פון אייַך דעם שטויב!

קינדער, מענער, ווייַבער!

רייַסט אַראָב פון די לייַבער!

דאָס שפּיִנוועבס פון תּורָה'ס,

מָסוֹרֶת,

פון אַלטע, לאַנג פערפוילטע דורות!

הערט זיי ניִש', הערט זיי ניִש!

שפּיִעלט, טאַנצט! מונטער, פריִש —

די הענד, די פיס צופיהרט —

קאַנ — קאַ — ניִ — ערט!

שְׁטִימֶען.

מיִר קענען ניִש', מיִר קענען ניִש'!

זיי פער'כמ'ען אונז,

זיי פערשרייען אונז,

זיי פערווייַנען אונז...

(אַ טהיִר רייַסט זיִך ערגעץ אויף; אַ רויטע פלאַם פאַלט פון דער שטוב אַרויס איִבערן מאַרק.)

גֶעשְׁרֵייעֶן.

געוואַלט! געוואַלט! געוואַלט!

(מענשען לויפען פון שטוב אַרויס.)

מֵתִים

(האָבען זיִך אָנגעהויבען צוריִק צו לאָזען צום פאָדערגרונד, שטעלען זיִך אָב, מאַכענדיִג אַ וואַרע פאַר די לעבענדיִגע.)

מֵתִים-שְׁטִימֶען.

— עמיִץ איִז אַוועק געפאַלען

ווער ווייס, וואָס פאַר אַ קראַנק!

— די לויפען רייַסען איין די שוהל...

— יענע קלאַפּען אָן איִן שענק

— דאָרט מוזען זיין די חֶבְרָה-לייַט,

— אַ סְעוּדָה, מן הסתּם!

— יענער קליִנגט בייַם רופא אָן —

— דער קען געבען — סם!

לעבענדיגע:

(דער רופא מיט א לאמטער אין דער האנד.)

(נושאים-לייט פון שענק.)

(געהען מיט די פיהרער צוריק.)

א פיהרער

(צום רופא.)

עס ווארפט זיך מיט איהם ס'בעט?

דער רופא.

אז מען רופט צו שפעט!

א חברה מאן

(צום צווייטען.)

ביזט „בעלע" –

דער צווייטער

(שטאמעלדיג.)

עלע – פעלע – מעלע –

(פאלט.)

(מען הייבט איהם אויף.)

לעבענדיגע

(אב אין שטיב אריין.)

מתים

(לויפען צו טיהר און צו לאדען, קוקען אריין דורך שפארעס.)

אנדערע

(נעמען זיך צוריק צום „טאנצען".)

מתים-שטימען.

– דער חולה רעד?

– דער רופא רעד –

– הייסט געבען פיזעם, אויף זיין אחריות –

– דער חולה מאכט משונה'גע העניות –

– דער רופא טרעט שוין אב פון בעט –

– ביי גאט, זאגט ער, איז אלץ געמאלט –

– זי רייסט זיך די האהר –

– נישט נעגאלט?

– און וויינט אזוי ביטער – –

– אט א ציטער, דער לעצטער ציטער –

(עס הערט זיך א געשריי פון שטוב ארויס.)

– איהר געשריי!

– איהר חורבן!

– טססס! א מענש איז געשטארבען!

(שטיל.)

(פארהאנג.)

הײנט איז אונזער חתונה (זײטע 46



פֿיערטער אַקט.

(שטילע פּויזע.)

(מײנכע מתים באלאנסירען נאך, אָבער זעהר שוואך.)

מתים־שטימען.

— ר'וועט זיך בעווייזען?

בלינדע.

ר'שטעהט שוין אין טהיר!

שטימען.

פֿאַר וואָס זעהען ניש' מיר?

בלינדע.

איהר זעהט — קליידער; ר'אי' נאך נישט בעקליידט!
אט געהט ער... די הענד צושפרייט...
נאך נישט אויסגעטריקענטע טרערען...
רער עפּיס...

שטימען.

— טס... לא'מען הערען...

דער פֿרישער, נישט געוועהענער מת

(זינגט.)



[illegible] איז איין אָדלער, וואָס ער טהוט נור שוועבען;
אַ שאָטען פֿון אַ פֿליגעל איז דאָס גאַנצע לעבען..;

טאַנצענדיגע מתים.

נאך וואָס, נאך וואָס קלאָגען?
באַלד וועט טאָגען —

נישט טאַנצענדיגע:

שאַ! שאַ! שאַ!

דער נישט געוועהענער מת.

בית איז אַ הויז, וואו מ'אי' נישט לאַנג געזעסען...
אַז מען רופֿט צום משפּט — —

מתים־שטימען

(מאַנכע אויסגעלאָסען, אַנדערע ביטער.)

חאַ! חאַ! חאַ! — חאַ! חאַ! חאַ!

דֶער נִישְׁט גֶעוֶועהֶענֶער מֵת

(עֶנדִיגט.)

. . . . מוז מֶען אַלץ פֶערגֶעסֶען!

אַ וַוייבֶּעל.

לאָ׳מֶען טאַנצֶען –

לאָ׳מֶען טאַנצֶען!

חאַפּט אַייך אונטעֶר ד׳אָרִים!

לאָ׳מֶען פֶערגֶעסֶען,

דִי ווֶערם, וואָס פֿרֶעסֶען,

דִי פִינסטֶערֶע, קְבָרִים!

טאַנצֶען! טאַנצֶען...

דֶער מָארְגֶענְשְׁטֶערְן

(שלאָגט דורך אַ וואָלקֶען, בלִיצט אויף.)

מֵתִים־שְׁטִימֶען.

ווַעה, ווַעה! עֶס הַייבּט באַלד אָן טאָגֶען!

מִיר קֶענֶען שוין קַיין לִיכְט נִישט פֶערטראָגֶען,

עֶס ווֶעט אונז פֶעריאָגֶען, עֶס ווֶעט אונז פֶעריאָגֶען!

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

טאַנץ! טאַנץ! טאַנץ!

וואָס צִיטֶערט אִיהר פַאר מאָרגֶענגלאַנץ!

שְׁטִימֶען.

ווַעה, ווַעה! דֶער טאָג ווַעט אונז דֶערווִישֶען...

חַקְרָן

(צום צווייטען.)

קום, קום – מֶען דאַרף זִיך נִישט מִישֶען...

(אָב.)

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

מונטעֶר, פְרִיש!

שְׁטִימֶען.

מִיר קֶענֶען נִיש׳, מִיר קֶענֶען נִיש׳!

דֶער הָאהן

(בֶּעווייזט זִיך.)

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

שוואַכֶע, צו דִי ווֶענד!

אַרְבֵּייטֶער

(שטִימֶען.)

– נִישט קֵיין קלאַסֶען־קאַמפּף, נִישט אונזעֶר זאַך!

– עֶר וואָלט עֶפִּיס גֶעמאַכט, מִיט אונזעֶרֶע הֶענד!

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

שפּאַרט אַייך אָן אָן דִי מויעֶרן!

(שוואַכֶע טהוּען עֶס.)

שְׁטִימֶע.

ווַעה, ווַעה...

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

נור נִישט ווייינֶען, נור נִישט טרויעֶרן!

זאַמלֶען קראַפט! זִיך אַקעֶגֶען שטעֶלֶען! –

דִי שְׁוַואכֶע

(פון הִינטעֶר דִי ווֶענד.)

מִיר ווֶעלֶען נִישט קֶענֶען, מִיר קֶענֶען נִישט ווֶעלֶען!

יוּנְגֶער אַפִּקוֹרֶס.

הַייבּט אויף דִי קֶעפּ, דִי אויגֶען הַייבּט הֶעכֶער!

שוואכע.

די קעפ – די הוילע, די שווארצע – – לעכער!

יונגער אפקורס.

הייבט אויף די פויסטען, ד'פויסטען צום הימעל!

שוואכע.

פויסטען פון פראכנע, פון שטויב און פון שימעל!

יונגער אפקורס.

מיר ווילען ניש' פאלגען – מיר ווילען נישט הערען!
ווער עס פיהלט די קראפט, דער זאל שווערען –

שטימען.

מיר שווערען!
מיר שווערען ביים בלוט, וואס ס'איז' געווען רויט,
און מען האט מיט שטינקענדיג וואסער פערשוועכט!
ביי פערלוירענע טעג, פערוואגעלטע נעכט –
ביים טויטען לעבען, לעבענדיגען טויט!
מיר שווערען!

יונגער אפקורס.

מיר ווילען איהם טריצען!
מיט די צייהן זאל ער קריצען!
זאל ער דונערן, בליצען –
צופיהרען די ארים!
זאל ער שרייען, זאל ער שעלטען,
זאל ער קעהרען וועלטען –
אוים! מען געהט נישט צוריק אין קיין קברים!
עס זענען קיין טויטע נישטא!

דער בלעכענער האהן

(מיט חוזק.)

קו – קע – רי – קו! קו – קע – רי – קו!

מתים

(ווערען פערציטערט.)

יונגער אפקורס.

שווייג, פערשטום, ווי א מויז!
אויסגעפליקטער האהן!
טרוקענער שפאן!
איך פליק דיר די רעשט פליגעל אוים!

דער בלעכענער האהן.

(ווערט בייז, מאכט ווינד מיט די פליגעל.)

מתים־געוויין.

וועה צו אונזער קראפט! וועה צו אונזער דויער!
אונז שיצט נישט קיין מויער,
עס פאלען אב די הענד,
עס רייסט פון די ווענד –
א הויב, א וואורף – – א וואורף, א הויב!
עס יאגט אונז
עס טראגט אונז
ווי פלעווים, ווי שטויב!

(ווערען פערטראגען צו די קברים, וואס עפענען זיך, און לאזען זיי ארײן. מצבות שטעלען זיך צוריק אויף זייער ארט.)

שטימען פון ווייבער אהן קופקים.

הייבט אויף, געשווינדער – לאז זיין איין עק!
דער ווינד בלאזט אוועק – דער ווינד יאגט אוועק...

(פרגיוועֶן הייבעֶן.)

געֶוואַלט, מיר קעֶנעֶן ניש׳, געֶוואַלט, מיר קעֶנעֶן ניש׳ –

קאַמישעֶר אַלטעֶר

(קומט אַרויס, ווי ביי נאַכט, נחת שעֶפּעֶנדיג.)

פּריש!

וואַנדעֶרעֶר

(שטעֶהט אויף.)

אין מזרח־ראַנד
שאַפט אַ פאַרבאַרגעֶנעֶ האַנד;
ראָזיגעֶ נעֶפּיל שפּינט זי,
לופטיגעֶ פעֶדעֶם בינט זי,
אַ טאָג ווערט אויסגעֶוועֶבט...
און אין האַרצעֶן־ראַנד
שאַפט אַ פעֶרבאָרגעֶנעֶ האַנד;
גראָהעֶ נעֶפּאַליך שפּינט זי,
וויסטעֶ שאָטעֶנדליך בינט זי...
בעֶנקשאַפט ווערט געֶוועֶבט...

(זעצט זיך אויפ׳ן ביציקל: פעֶרטראַכט זיך – פאָהרט זעהר לאַנגזאַם און נאָכטראַכטעֶנדיג, אין דער ריכטונג צום שוהל־געֶסיל.)

וועֶכטעֶר

(וועקט זיך – שפּרינגט אונרוהיג אויף – קוקט זיך אום – עֶטוואָס פעֶר׳חדושט, דעֶרנאָך זעֶלבסטפעֶרגניגט,)

אוהום – ס׳שלאָפט נאָך אַלץ בעֶריהט!
איך שלאָף און היט – שלאָף און היט!
קיינעֶר קיינעֶם נישט געֶשטאָכעֶן...
נישט איינגעֶבראָכעֶן...
און ס׳האָט נישט געֶברעֶנט –
הֶיזֶק נישט אַ צעֶנט...

(טאַפּט זיך ביים האַלז זוכעֶנדיג דאָס פייפעֶל.)

(זעהר אונרוהיג.)

אָבעֶר צום טייפעֶל,
וואו איז מיין פייפעֶל! וואו איז מיין פייפעֶל?

(אָב, אונרוהיג טאַפּעֶנדיג.)

שוהל־קלאַפּעֶר

(קומט אַרויס אין ווינקעֶל ביים שוהל געֶסיל, שטעֶלט זיך ביים טהויער, קלאַפּט איינס, צוויי, וויל קלאַפּעֶן דריי.)

וואַנדעֶרעֶר

(פון קלאַפּעֶן עֶרשיטעֶרט; געֶביטעֶנט.)

נישט מעֶהר!

שוהל־קלאַפּעֶר

(זיך אויסדרעֶהעֶנדיג, מיט שרעֶק.)

חס וְשָלום, געֶשטאָרבעֶן ווער? –

וואַנדעֶרעֶר.

אַן־אַוואַן!

(פאָהרט צום שוהל־געֶסיל צו.)

(צוויי פון די נעֶכטיג־פעֶרשפּעֶטיגטעֶ סוחרים קומעֶן אָן מיט שליסעֶל אין די העֶנד.)

עֶרשטעֶר.

אַלטוואַרג איז ביי מיר פעֶרהאַן
דריי וואַגאָן, אֶפְשֶר מעֶהר!

וואַנדעֶרעֶר

(פעֶרשווינדעֶנדיג אין שוהל־געֶסיל.)

און דער האָהן – איז – – דער!